

# אַ מייסע מיט אַ מאַנטל



באַ אַ שניידער אין קאַמאָרע,
פול מיט קינדער קאַנאַהאָרע,
קינדער פיצעלעך ווי מאָן,
שטייט אַ וויגל אויבן אָן.

איצטער הויבט זיך אָן די מייסע —
נישט פון ציגעלעך קיין ווייסע —
נאָר אַ מייסע מיט אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל.

האָט מען אויפגענייט אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל
פאַרן עלטסטן באָכער שמועל —
ער זאָל קענען גיין אין שול.

גייט אים שמוליק יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפאָגל-ניי.
גייט אים שמוליק נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל שמוליק טוט אים אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

ווערט אַ טומל אין קאַמאַרע:
נאַ דיר גאָר אַ נייע צאַרע,
שמוליק טוט דעם מאַנטל אָן —
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן!

וואָס־זשע קען דאָ זיין דער מער?
גייט אין מאַנטל יאָסל־בער.

גייט ער אין אים יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל ניי.
גייט ער אין אים נאָך אַ יאָר,
ווערט דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל פאַלט ער אַף די טרעפּלעך
און — אַ סאָף צו אַלע קנעפּלעך!

ווערט אַ טומל אין קאַמאַרע:
נאַ דיר גאָר אַ נייע צאַרע,
גיין און פאַלן אַף די טרעפּלעך
און — אַ סאָף צו אַלע קנעפּלעך!

נו, איז מיילע,
וועט שוין גיין אין מאַנטל ביילע.

גייט אים ביילע יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט אים ביילע נאָך אַ יאָר,
פעלט דעם מאַנטל נישט קיין האָר.

איינמאָל, ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
נאַ דיר גאָר אַ נייע צאָרע,
טאָמער ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל געטלעך דריי . . .

און עס פּאַסקנט דאָס געזינדל,
זאָל שוין גיין אין מאַנטל הינדל.

גייט אים הינדל יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט אים הינדל נאָך אַ יאָר,
ווערט דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל ווערט אַ גרויסער טומל,
אַלע שטייען אין אַ רומל,
הינדל כליפּעט אָפן בעט —
ט'אָנגעוואָרן אַ מאַנקעט.

שרייען אַלע, אַלע, אַלע:
דאָס איז דאָס אַ מויד אַ קאַלע,
ליגט און כליפּעט אָפן בעט —
ווי פאַרלירט מען אַ מאַנקעט?

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט דער אינגסטער באָכער פּאַנטל.

פּאַנטל, פּאַנטל, איי, איז דאָס אַ באָכערעץ!
כאַוועוערט זיך מיט הינט און קעץ,
יאָגט זיך נאָך נאָך יעדן וואָגן,
שלאָגט זיך, ווערט אַליין געשלאָגן.
מיאַוקעט, פּייפט און שרייט און שפּילט,
און די מאַמע לאַכט און שילט.

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אָט דער־אָ באָכער פֿאַנטל.

האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג
אָפּגעפּליקט אַ גאַנצן ראָג.
און אַף מאָרגן אינדערפֿרי
אויסגעהאַקט אַ לאָך אין קני.

און דעם זעלבן טאָג פֿאַרנאַכט
אָן אַ קאָלנער אים געבראַכט,
מיט צוויי לעכער גרויס ווי אויגן
אין דיביידע עלנבויגן.

שרייען אַלע פֿאַראַמאָל,
אַלע, אַלע מיט איין קאָל:
אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל
פֿאַלט אַריין צום טאַכשעט פֿאַנטל.

איינמאָל פֿאַנטל איז ניט פֿויל.
קומט צולויפֿן נאַקעט, הויל.

שרייען אַלע מיטאַמאָל,
אַלע, אַלע מיט איין קאָל:
טאַכשעט, שייגעץ, פֿלעדערמויז!
וואו׳ז דער מאַנטל, זאָג נאָר אויס!

ענטפֿערט זיי דער ווילער יונג
מיט אַזאַ־אָ שאַרפֿער צונג:
כ׳האָב פֿון אים דעם רעכטן לאַץ
אָפּגעשענקט דער ווייסער קאַץ,

און דערנאָך דעם לינקן לאַץ
אָפּגעשענקט דער שוואַרצער קאַץ,
און די רעשטע — לאָך אַף לאָך —
וועט אָנקומען די צווייטע וואָך.